בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל**<br>chizikyomi@gmail.com | **טעלעפאון מעסידזשינג**<br>347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֱמֶת'דִיג אִינְגַאנְצְן תְּשׁוּבָה טוּן?..........א

וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אָפּ מִיט אַ יָתוֹם אִין קְלַאס?.........ה

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיךְ רַאטֶעוֶועןעְן פוּן נִסְיוֹנוֹת.....................ח

מֶעג מֶען קוֹיפְן דִי לַאטֶערִי?.......................................יא

וִוי אַזוֹי בְּרֶענְג אִיךְ אַרַיין דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אִין מַיין וַוייבּ?......................................................................יב

זָאל אִיךְ וואוֹינֶען בַּיי מַיין מַאמֶע וָואס אִיז פְרֵיי אוּן נִישְׁט נָארְמַאל?..................................................................יד

וִוי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר פוּן פְּחָדִים, נָאךְ דִי בִּלְבּוּלִים וָואס מֶען הָאט אוֹיף מִיר גֶעמַאכְט? ..................................טז

וָואס טוּ אִיךְ וֶוען בָּחוּרִים רֶעדְן צוּ מִיר נִיבּוּל פֶּה?.........יח

וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען דֶעם קֶערְפֶּער פַאר אַ וֶועגְוַוייזֶער? ....יט

דַארְף מֶען מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי צוּ עֶנְטְפֶערְן דְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה?..............................................כא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אִיךְ זָאג נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן ........................ א

נֶעמְט נִישְׁט קַיין דְרוּק אוֹיף שִׁידוּכִים........................ א

זֶעט פַארְוָואס דָאס קִינְד שְׁלָאפְט אִין קְלַאס ................ ב

אַ וַוייבּ קֶען דָאס מֶערְסְטֶע מְחַזֵק זַיין ........................ג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז דָאס קִינְד אִיז גֶעזוּנְט................................................ג

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע ........................................ ד

וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵייליךְ דוּרְכְאוֹיס דִי יָמִים טוֹבִים ........................................ה

צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס ................................................ ז

נֶעם דִי זְכוּת פוּן הַאלְטְן רֵיין דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל פַאר דִיר...ח

אִיךְ הָאבּ אַ חָשׁוּבֿ'עֶר בָּחוּר פַאר דַיין טָאכְטֶער ..............ט

תְ'הֵא שְׁ'נַת פַ'ארְשְׁפְּרֵייטְן אֱ'מוּנָה ........................ ט

מֶען דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיפְ'ן שִׁידוּךְ........................ י

אִין בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מֶען וואוּ צוּ גֵיין וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֱמֶת׳דִיג אִינְגַאנְצְן תְּשׁוּבָה טוּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אוֹיף מַיינֶע וֶוייטָאגְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּץ, ווי אַזוֹי אִיךְ זָע זִיךְ אַרוֹיס פוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו].

אִיךְ הָאבּ עֶס דוּרְכְגֶעלֵיינְט צֶענְדְלִיגֶער מָאל, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶעשָׁאקְלְט אוּן מְעוֹרֵר גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט. אִיךְ וויל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אָבֶּער אִיךְ וֶוער זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְרֶעדְן קַיין וָוארְט, אִיךְ וֶוער רוֹיט פַאר בּוּשָׁה וָואס אִיךְ הָאבּ צוּזַאם גֶעטוּן, אִיךְ קֶען נָאר זָאגְן: "בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל".

אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ; אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קְשָׁרִים אוּן אַלֶע וֶועגְן ווי אַזוֹי אִיךְ פְלֶעג אָנְקוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטְס. אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, דוּ הָאסְט אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קְשָׁרִים מִיט דִי קְלִיפּוֹת, שֵׁדִים אוּן רוּחוֹת רָעִים. דָאס הֵייסְט בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מט): "וְדַע, שֶׁעִקַּר הַתְּשׁוּבָה הַשְּׁלֵמָה הִיא כְּשֶׁאָדָם עוֹבֵר בְּאֵלּוּ הַמְּקוֹמוֹת מַמָּשׁ שֶׁהָיָה מִקֹּדֶם הַתְּשׁוּבָה כָּל אֶחָד לְפִי מַה שֶּׁעָבַר עָלָיו בַּיָּמִים הַקּוֹדְמִים, וּכְשֶׁעוֹבֵר בְּאֵלּוּ הַמְּקוֹמוֹת וְהָעִנְיָנִים שֶׁהָיָה מִתְּחִלָּה מַמָּשׁ וְעַכְשָׁו פּוֹנֶה עֹרֶף מֵהֶם, וְכוֹפֶה יִצְרוֹ לְבִלְי לַעֲשׂוֹת עוֹד מַה שֶּׁעָשָׂה זֶהוּ עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הַשְּׁלֵמָה, וְרַק זֶה נִקְרָא תְּשׁוּבָה", ווִיסְן זָאלְסְטוּ, וָואס הֵייסְט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער נָאכְאַמָאל דִי נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר לָאזְט אָפּ דִי אַלְטֶע וֶועג, דָאס הֵייסְט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

דֶערְפַאר אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קְשָׁרִים מִיט דִי עֲבֵירוֹת - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה, הָאסְט זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּאצֵייטְנְס, דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט תְּשׁוּבָה טוּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, וָואס אִיז דֶער סִימָן מֶען זָאל ווִיסְן קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּשׁוּבָה? אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּשׁוּבָה אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף נָאךְ אַסַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן; ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה, דָאס אִיז דִי סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט דִי מִצְוֹת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, "זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז גַאנְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע פְלַאץ וואוּ מֶען קֶען נָאר אָנְקוּמֶען.

אִיךְ ווֵייס אַז דִי קְלִיפּוֹת וֶועלְן דִיר ווַייטֶער נָאכְלוֹיפְן, זֵיי גֶעבְּן נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיף; וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער זֵיי - אַנְטְלוֹיפְט פוּן זֵיי אוּן טוּט תְּשׁוּבָה, פְרוּבִּירְן זֵיי נָאכְצוּלוֹיפְן דֶעם מֶענְטְשׁ; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען זֵיי לוֹיפְן דִיר נָאךְ, נָאר זִיךְ ווַייטֶער פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס דוּ קֶענְסְט אַרוֹיס כַאפְּן, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין צִיצִית, מִיט דַיין תְּפִילִין, מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מִיט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב

און אַזוֹי וַוייטֶער.

בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פון עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעבְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר זָאגְט (סֵפֶר פְּרִי הָאָרֶץ, מַטּוֹת מַסְעֵי): "עַצְבוּת אִיז אַן עֶרְגֶערֶע קְלִיפָּה פון עֲבוֹדָה זָרָה"; זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פון עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה וָואס אִיז הַארְבֶּער פון דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירָה - עֲבוֹדָה זָרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ; מִיר הָאבְּן מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵייליךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, ז): "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ - אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ", אֲפִילוּ דִי פְּרָאסְטֶע אִידְן, "מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", זֶענֶען פוּל מִיט מִצְוֹת, אַזוֹיפִיל וִויפִיל קֶערְלֶעךְ עֶס אִיז דָא אִין אַ מִילְגְרוֹים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**וִוי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פון בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין שוּלְדִיג מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אַלְס בָּחוּר הָאב אִיךְ פְלֵייסִיג גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, גֶעעֶנְדִיגְט אַסַאךְ מָאל מִשְׁנַיוֹת, אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא, און נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן. וֶוען אִיךְ הָאב חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן און זַייט דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ מֶער נִישְׁט דֶעם זֶעלְבְּן חֵשֶׁק צוּם לֶערְנֶען וִוי אַמָאל און עֶס וֶוערְט נָאר שְׁוַואכֶער און שְׁוַואכֶער. כִּמְעַט וָואס אִיךְ עֶפְן נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, נָאר צְוֵויי לִימוּדִים הַאלְט אִיךְ שְׁטַארְק, דָאס אִיז דִי בְּלַאט גְמָרָא און מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג. אִין אַ גוּטֶע טָאג קֶען אִיךְ אוֹיךְ זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי און צוּמָאל אַבִּיסְל תְּהִלִּים און מִשְׁנַיוֹת.

לֵיידֶער הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר לֶעצְטְנְס, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט מִיר לֵיידֶער נִישְׁט, אִיךְ זִינְק אִין דִי נ' שַׁעֲרֵי טוּמְאָה און נָאךְ מִיט אַ שְׁמִיץ אַרִיבֶּער, אִיךְ גֵיי צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאר מִיט

אַבִּיסְל קְלֵיינִיקֵייטְן, און צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז עֶס גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער און וַוייטֶער בִּיז צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע רַחֲמָנָא לִיצְלַן און יֶעצְט אִיז שׁוֹין לֵיידֶער נַעֲשָׂה לוֹ כְּהֶיתֵּר, עֶס קְלַאפְּט מִיר שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט דָאס הַארְץ.

אָבֶּער אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין זַיינֶע סְפָרִים אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אֲפִילוּ אוֹיף נַשְׂגַ"ז, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ קֶען נָאךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן; דִי פִילֶע דְרָשׁוֹת וָואס אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט שְׁרֵייעֶן מִיר אִין קָאפּ אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי עֲבֵירוֹת וַוייל מַיין סוֹף וֶועט זַיין בִּיטֶער, אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן בַּאצַייטְנְס. דִי חֲזַ"לְ'ן וָואס אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מְפַרְסֵם זַיין אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דָאס הַאקְן מִיר אִין קָאפּ און לָאזְן מִיר נִישְׁט מְנוּחָה.

אִיךְ הָאב אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה; וָואס אִיז מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ שׁוּלְדִיג אַז אִיר מַאן קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶערְשְׁן? כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעהֶערְט אַלֶע דְרָשׁוֹת און עֵצוֹת, וִויל אִיךְ אָבֶּער אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אָבֶּער וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס?

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל אִין אוּמַאן און אִיךְ פָאר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוֹיךְ דָאס יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ וַוייזְן מַיין פָּנִים וִוי אַזוֹי דָאס יָאר אִיז מִיר אַרִיבֶּער, אַזוֹי שְׁרַייבְּנְדִיג דִי שׁוּרוֹת וֶוער אִיךְ רוֹיט פַאר בּוּשָׁה.

אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ אַז אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן, אִיךְ דַארְף אַ תְּשׁוּבָה, אִיךְ דַארְף אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין בִּיטֶערֶע נַארִישֶׁע לֶעבְּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וֵויי און בִּיטֶער אִיז דִיר, וֵויי און בִּיטֶער אִיז פַאר דַיין נְשָׁמָה; שֶׁעם זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט זִינְדִיגְן מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, שֶׁעם זִיךְ! נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ גֵייסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן, טוּן עֲבֵירוֹת מִיט גוֹיטֶעס?! שֶׁעם זִיךְ, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר אַלֶעס אִין לֶעבְּן פַארְקוֹיפְסְטוּ דַיין לֶעבְּן פַארְ'ן שָׂטָן.

הֶענְט און פִיס צִיטֶערְן מִיר פוּן וֶוען אִיךְ הָאב גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיווּ; וִוי קֶען אַ אִיד אַזוֹי אַרָאפְּפַאלְן? וִוי קֶען מֶען אַזוֹי פַארְלִירְן דִי שֵׂכֶל און אָפְּלָאזְן אַ זִיסֶע

לֶעבְּן? ווי קֶען מֶען אָפְּלָאזְן די מַתָּנָה, די וַוייבּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן און גֵיין מִיט עֶקְלְדִיגֶע גְרוֹילִיגֶע גוֹי'טֶעס טוּן עֲבֵירוֹת?! וָואס וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען דוּ וֶועסְט שְׁטֵיין פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה און מֶען וֶועט אַפִּיר נֶעמֶען אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים? וָואס וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? וואוּ וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען פַארְשְׁטֶעקְן פַאר בּוּשָׁה?!

טוּ תְּשׁוּבָה, אַז נִישְׁט וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָה כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'", וְוי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעראַל.

מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן טוּן עֲבֵירוֹת און דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אַ סוֹד. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (אִיּוֹב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", די בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת זָאגְן 'מִיר וֶועלְן וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר טוּן עֲבֵירוֹת; מִיר וֶועלְן גֵיין אִין בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט זֶען'. זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּמִדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים אוֹיף די גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט דִיר גוּט זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זְנוּת וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁוֶוערֶע קְלַאפּ; דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר אָפְּלָאזְן, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר, דוּ וֶועסְט זַיין פַארְשֶׁעמְט אוֹיף די וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.]

...

## ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אָפּ מִיט אַ יָתוֹם אִין קְלַאס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, און צוּם נֵייעֶם זְמַן בַּאקוּם אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַלְס תַּלְמִיד אַ קִינְד וָואס אִיז אַ יָתוֹם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וָואס דָאס מֵיינְט, מִמֵּילָא

איז מיר טאַקע אוּמְמֶעגְלִיךְ אים צו פאַרְשְׁטֵיין, איךְ וויל אָבֶער וויסְן ווי אַזוֹי זיךְ צו פִירְן מִיט אִים, ווייל חֲזַ"ל זאָגְן כָּל הַמַּצִיל נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא, און די זֶעלְבֶּע אוֹיף פאַרקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

וָואס אִיז מַיין חוֹב זיךְ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פאַר אִים מֶער ווי פאַר אַן אַנְדֶערֶער קִינְד?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶרְשְׁטְנְס דאַרְפְסְטוּ וויסְן, שֶׂכָרְךָ הַרְבֵּה מְאֹד, דַיין שְׂכַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר חָשׁוּב, בִּפְרַט וָוען דֶער מְלַמֵּד גֶעבְּט זיךְ אָפּ מִיט דִי תַּלְמִידִים ווי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, דֶעמָאלְט אִיז עֶר נָאךְ מֶער חָשׁוּב אִין הִימְל. ווייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז דָאס אַזוֹי ווִי זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; און ווִי צַדִיקִים טַייטְשְׁן, אַז דָאס אִיז נִישְׁט פְּשַׁט מֶען גֶעבְּט דֶעם מְלַמֵּד אַ גוּט וָוארְט, נָאר דָאס אִיז אַן הִתְחַיְּבוּת, מֶען זָאגְט פַאר׳ן מְלַמֵּד ׳וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִיט תַּלְמִידִים זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן כְּאִילוּ יְלָדוֹ - דָאס אִיז אַזוֹי ווִי דוּ לֶערְנְסְט מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער׳.

דאַרְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקֵךְ מִיּוֹשְׁבֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַז דַיין לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן; מִיט לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער תּוֹרָה. בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט אַ הַארְצִיגֶער מְלַמֵּד, דוּ זָארְגְסְט פַאר דַיינֶע תַּלְמִידִים, דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי - בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר אַמָאל זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען און גֶעזָאגְט: "וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ אַרְבֶּעסְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס פַארְקוֹיפְט קְלֵיידֶער? שְׁטֶעל זיךְ פָאר דוּ אַרְבֶּעסְט אִין אַזַא גֶעשֶׁעפְט און עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי זִיבְּעצִיג יָאר, דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל און מֶען פְרֶעגְט דִיר ׳וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן זִיבְּעצִיג יָאר? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ פַארְקוֹיפְט בֶּעקִיטְשֶׁעס? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה?׳" מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דַארְפְסְט דָאךְ זַיין זֵייעֶר

פְרֵיילִיךְ אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן 'זִיבֶּעצִיג יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער'".

בְּנוֹגֵעַ דֶעם יָתוֹם; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים מֶער וִוי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, ווייל יְתוֹמִים זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר זֵיי, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז זֵייעֶר טַאטֶע, עֶר נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זֵיי, עֶר אִיז דֶער (תְּהִלִּים סח, ו): "אֲבִי יְתוֹמִים".

וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער וֶועגְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דוּ זָאגְסְט דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶר טַאטֶע אָדֶער זָאלְן מַאכְן נַחַת פַאר זֵייעֶר טַאטֶע, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דֶעם יָתוֹם; אִים גֶעבְּן אַ וֶועג מִיט זַיין טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם, זָאלְסְט בַּאזוּנְדֶער מַאכְן אַן עֵסֶק פוּנֶעם יָתוֹם, זָאלְסְט אִים זָאגְן: "דַיין טַאטֶע אִיז אִין הִימְל, אִין גַן עֵדֶן נֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר זֶעט וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט, עֶר הָאט נַחַת פוּן דִיר, עֶר זָארְגְט פַאר דִיר".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁרֶעק פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער פוּן שְׁטַארְבְּן; רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַז שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט - גֵייט מֶען אִין גַן עֵדֶן, דָארְט לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה מִיט אַלֶע צַדִּיקִים אוּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין גַן עֵדֶן אִיז דָא אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, מֶען אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַלֶע אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים, עֶס גֵייט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ זֶען וִוי אַלֶע טַאטֶעס, זֵיידֶעס, עֶלְטֶער זֵיידֶעס, עֶלְטֶער עֶלְטֶער עֶלְטֶער זֵיידֶעס גֵייעֶן אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט בִּיז יֶעצְט, בְּדֶרֶךְ כְּלַל פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר מְלַמְּדִים שְׁנֶעלֶער וִוי אַנְדֶערֶע בְּרִיוו; עֶס הָאט זִיךְ יֶעצְט פַארְשְׁלֶעפְּט צוּלִיב דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן מִיךְ רַאטְעוֶועֶן פוּן נִסְיוֹנוֹת

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי קְלָארֶע עֶנְטְפֶער וָואס אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אוֹיף דִי שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאב גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיךְ הָאב אִין אָפִּיס [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אִיךְ הָאב אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיוו אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דִי פְרוֹי נֶעבֶּעךְ שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ הָאב נִסְיוֹנוֹת, פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ אִיר אַוֶועקְצוּשִׁיקְן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ.

אִיךְ הָאב אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ גְרוֹיסֶער נֵס, אַז זִי אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דָא צוּ אַרְבֶּעטְן, אָבֶער יֶעצְט הָאט זִי בַּאקוּמֶען אַ פָארְשְׁלַאג עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, דֶערְפַאר וִויל זִי וִויסְן וִוי לַאנְג זִי מוּז נָאךְ דָא בְּלַייבְּן. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אַזוֹי שֵׁיין גֶעהָאלְפְן, אִיךְ הָאב זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר אִיר אַרְבֶּעט אוּן גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וִויל אִיר נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן אֲפִילוּ פַאר אֵיין טָאג, אוּן זִי דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען אַ צְוֵוייטְן אִיר אַרְבֶּעט, אִיךְ וֶועל זִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה גֶעבְּן.

כָאטְשׁ וָואס זִי אִיז מִיר אַ וִויכְטִיגֶע אַרְבֶּעטֶער, אִיז אָבֶער מַיין אִידִישְׁקֵייט נָאךְ מֶער וִויכְטִיג.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר׳ן הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען בִּכְלַל נִישְׁט, אוּן בְּעִיקָר פַאר דִי עֵצָה אַז וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁטוּפְּן אוּן טוּן ווִילְדֶע זַאכְן, נָאר מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם טַאטְן אִין הִימְל אוּן מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו׳, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסֶע נֵס אַז דוּ בִּיסְט פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם נִסָּיוֹן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דָאס עֶרְגְסְטֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט דַיין אָפִּיס;

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אִיסוּר יִחוּד, זַיְיט נִישְׁט מִיט קַיין פְרֶעמְדֶע פְּרוֹי אִין דַיין אָפִּיס און נִישְׁט מִיט קַיין מֵיידְל, עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס אוֹיבּ מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף אִיסוּר יִחוּד.

אַז דוּ ווילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין גֶעשֶׁעפְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַ שׁוּתָּף, וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שׁוּתָּף? אַז מֶען פִירְט דִי בִּיזְנֶעס אוֹיף דִי תּוֹרָה וֶועג. מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין קְדוּשָׁה אִין אָפִּיס, מֶען רֶעדְט אֵיידְל, מֶען הִיט זִיךְ פוּן הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה, מֶען פִּילְטֶערְט דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס, מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ הִיטְן שַׁבָּת, יוֹם טוֹב און חוֹל הַמוֹעֵד, מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן קֵיינֶעם, נִישְׁט בַּא׳גַנְבְ׳עֶנֶען אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ פָּחוֹת מִשָׁוֶה פְּרוּטָה; דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ שׁוּתָּף אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט און עֶס אִיז דָא גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִינְדֶערפְרִי וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר זָאלְסְטוּ שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אַל תְּבִיאֵנוּ לֹא לִידֵי חֵטְא וְלֹא לִידֵי עֲבֵרָה וְעָוֹן וְלֹא לִידֵי נִסָּיוֹן, וְלֹא לִידֵי בִזָּיוֹן", זָאלְסְט שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת און פוּן נִסְיוֹנוֹת; נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע. און אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק, עֶס בְּלַייבְּט אַ נִסָּיוֹן - דֶעמָאלְט ווערט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל זֵייעֶר חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן דש): "פַּעַם אַחַת הִתְלוֹצֵץ מִזֶּה וְאָמַר שֶׁעַל זֶה מְבַקְשִׁים בְּכָל יוֹם אַל תְּבִיאֵנִי לִידֵי נִסָּיוֹן וְלֹא לִידֵי בִּזָּיוֹן, וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: ׳אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן׳", ווייל אַז עֶס וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן וֶוערְט בִּזְיוֹנוֹת; הַיינְט קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן רֶבִּי׳ן, דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן, וֶוען עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בִּילְד פוּן אֵיינֶעם וִוי עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ׳ - וֶוערְט עֶר אִין אֵיין רֶגַע פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט נִסְיוֹנוֹת אִין דִי בִּיזְנֶעס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ סֶעקְרֶעטֶערִי בַּיי מִיר אִין אָפִּיס וָואס אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ קְרַאנְק פוּן אִיר, זִי אִיז אַן אֵיידֶעלֶע צְנִיעוּת'דִיגֶע מֵיידְל, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ סֶעקְרֶעטֶערִיס וָואס זֶענֶען שֶׁענֶער אוּן מֶער אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אִיר, אָבֶּער אִיךְ פִּיל וִוי זִי מַאכְט מִיר דִי מֶערְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קָאפּ.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? זָאל אִיךְ צוּמַאכְן מַיין בִּיזְנֶעס? זָאל אִיךְ אִיר אַוֶועקְשִׁיקְן? הֲגַם וָואס אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אַז אִיךְ וֶועל טוּן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער דִי הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה זֶענֶען דָאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז חֲזַ"ל זָאגְן "אֵין אַפִּטְרוֹפּוּס לַעֲרָיוֹת".

וָואס טוּ אִיךְ דָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ וֵוייסְט אַלֵיינְס וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; אֵיינֶע פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט - אָדֶער פַארְמַאכְן דִי בִּיזְנֶעס אָדֶער אַוֶועק שִׁיקְן דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ צָאלְן פַאר מֶענֶער אַרְבֶּעטֶער, וִוי צוּ זִיצְן מִיט פְרוֹיעֶן אוּן דִי גַאנְצֶע צַייט טְרַאכְטְן פוּן נִיאוּף. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא כט:): ״הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה״, טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז הַארְבֶּער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת; וֶוערְסְט דָאךְ פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס, וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע צָרָה?

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִיר אִין אָפִּיס; מַאךְ אַ פְּלַאץ פַאר אִים עֶר זָאל מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה בַּיי דִיר - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה נָאר אוֹיבּ דִי פְּלַאץ אִיז רֵיין, אוֹיבּ אִיז דִי פְּלַאץ נִישְׁט רֵיין, שְׁטֵייט (דְבָרִים כג, טו): ״כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ, לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן הֵיילִיג, וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן צְווִישְׁן אַייךְ.]

...

## מֶעג מֶען קוֹיפְן דִי לַאטֶערִי?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן אַסאךְ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ פָאלְגְן וָואס דָארְט שְׁטֵייט, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט וֶועגְן קוֹיפְן דִי לַאטֶערִי. אִיךְ קוֹיף אַסאךְ דִי לַאטֶערִי, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס נֶעמְט מִיר צוּ דִי אֱמוּנָה מִיט דִי גֶעלְט. אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיפְצוּהֶערְן קוֹיפְן דִי לַאטֶערִי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו', עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוֹיפְן קַיין לַאטֶערִיס; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן, עֶס אִיז בַּל תַּשְׁחִית, יֶעדֶע דָאלֶער וָואס מֶען לֵייגְט פַאר דֶעם אִיז אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן גֶעלְט.

עֶס אִיז אַ דִמְיוֹן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; עֶר מַאכְט אַ רֵייךְ מֶען זָאל דָאס נָאכְלוֹיפְן אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפד) דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַמָאל אֵיינֶעם רַייךְ דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ וֶועג וְכוּ' עֶר מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן דֶעם, יֶעדֶער רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן מֶען אִיז מְקַנֵּא דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶער דָאס אִיז אַלֶעס אַ שְׁפִּיל צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן אִים נָאכְמַאכְן אוּן זוּכְן וְכוּ'. דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּהִיטְן מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְדְרֵיידְט וֶוערְן פוּן דֶעם"; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לַאטֶערִיס וָואס מֶענְטְשְׁן שְׁפִּילְן, מֶען זוּכְט צוּ וֶוערְן רַייךְ דוּרְכְדֶעם.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן קֶעגְן דֶעם, ווַייל רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין גֶעלְט, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן פַארְבְּרֶענֶען דָאס אִין לַאטֶערִיס ווַייל זֵייעֶר דִמְיוֹן זָאגְט זֵיי 'יֶעצְט וֶועל אִיךְ רַייךְ וֶוערְן' אוּן וֶוען מֶען פַארְלִירְט נָאכְאַמָאל וֶוערְט מֶען נָאכְמֶער אָנְגֶעצִינְדְן אוּן מֶען

נאַרְט זיך, מֶען זָאגְט ׳אָבֶּער יֶעצְט וֶועל איך רַייך וֶוערְן׳, בִּיז מֶען בְּלַייבְּט בְּעֵירוֹם וּבְחֹסֶר כֹּל.

רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְזִינְקֶען אִין דִי תַּאֲוָה פוּן הָאבְּן גֶעלְט; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כג): "רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה – הַיְנוּ בְּתַאֲוַת מָמוֹן", רוֹב וֶועלְט זֶענֶען נֶעבֶּעך גֶעכַאפְּט אִין תַּאֲוַת מָמוֹן, "וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמֵמִית אוֹתָם", מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי גֶעלְט הַרְגֶ׳עט דֶעם מֶענְטְשׁ. וָואס אִיז דִי עֵצָה? דֶער רֶבִּי זָאגְט, נִישְׁטָא קַיין עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי תַּאֲוָה, "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה, כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", נָאר דוּרְך דֶער צַדִּיק; אַז מֶען אִיז אַבִּיסְל טוֹעֵם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן טְרַאכְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי סַאך פוּן גֶעלְט.

מַאך זִיך אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; הֵייבּ אָן שְׁמֶעקְן דִי גֶערוּך פוּן דִי עֶסְן וָואס דֶער רֶבִּי קָאכְט, וֶועסְטוּ פְּלוּצְלוּנְג אָנְהֵייבְּן שְׁמֶעקְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּך וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן גֶעלְט. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סוֹף מַעֲשֶׂה יב - מֵהַבַּעַל תְּפִלָּה) דֶער גִיבּוֹר הָאט גֶענוּמֶען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, עֶר הָאט זֵיי גֶענוּמֶען צוּם קָאך וְכוּ׳. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמֶעקְט דִי גֶערוּך פוּן דִי עֶסְן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "עֶס שְׁטִינְקְט!" זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס שְׁטִינְקְט, בִּיז דֶער גִיבּוֹר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאך אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא וָואס זָאל שְׁטִינְקֶען, מוּז זַיין אַז אִיר אַלֵיינְס שְׁטִינְקְט"; דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, גֶעלְט וֶועט שְׁטִינְקֶען אַזוֹי וִוי צוֹאָה, אַלֶע וֶועלְן אַוֶועק וַוארְפְן דִי גֶעלְט, מֶען וֶועט נָאר זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען וֶועט זוּכְן וואוּ מֶען קֶען וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי שׁוֹין יֶעצְט, עֶר רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### וִוי אַזוֹי בְּרֶענְג אִיך אַרַיין דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן אִין מַיין וַוייבּ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי שִׁיעוּרִים און אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶ', מַיין גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צום גוּטְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם; אִיךְ טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט מַיין וַוייבּ, און אַזוֹי ווַייטֶער.

מַיין ווַייבּ לַיידְט אוֹיף עֶנְקְזַייעֶטִי און פַּאנִיק אַטַאקֶעס, עֶס אִיז דָא צַייטְן ווָאס אִיז אַבִּיסְל בֶּעסֶער, אָבֶער וֶוען נִישְׁט אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ וִויל אִיר זָאגְן אִיבֶּער דִי שִׁיעוּרִים, ווָאס וֶועלְן אִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, אָבֶער דָאס אִיז אַ זַאךְ ווָאס אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּן אִיר. זִי לֵיינְט אַסַאךְ פוּן טֶערָאפִּיסְטְן, און וֶוען אִיךְ רֶעד פוּן דִי עֵצָה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט דָאס אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, און אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין, ווַייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, אִיךְ פִיל אַז אִיךְ מִיט מַיין ווַייבּ זֶענֶען זֵייעֶר ווַייט אֵיינֶער פוּן צְווֵייטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און חִיזוּקִים פַאר דִיר, צְווִינְג נִישְׁט אַרוֹיף אוֹיף דַיין ווַייבּ זַאכְן ווָאס זִי ווִיל נִישְׁט הֶערְן. מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיף צְווִינְגֶען אוֹיף אַנְדֶערֶע; אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט דֶעם און דוּ וֶועסְט זִיךְ טוֹישְׁן - וֶועט דַיין ווַייבּ פוּן זִיךְ אַלֵיין וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נד, א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי טז, ז): "בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ, גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ", וֶוער זֶענֶען זַיינֶע פַיינְט? אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן "זוֹ אִשְׁתּוֹ", דָאס אִיז דִי ווַייבּ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין דֶערמָאלְט וֶועט זַיין ווַייבּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אִים, זַיין ווַייבּ וֶועט עֵדוּת זָאגְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז דַיין ווַייבּ ווִיל גֵיין צוּ טֶערָאפִּיסְטְן און דָאס גְלַייכְן - לָאז אִיר גֵיין אִיר וֶועג, שְׁטֶער אִיר נִישְׁט; אַדְּרַבָּה, הֶעלְף אִיר עֶס זָאל אִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן, און וֶוען דוּ הֶעלְפְסְט אִיר עֶס זָאל אִיר בֶּעסֶער ווֶוערְן זָאלְסְטוּ עֶס טוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶועסְטוּ זֶען ווִי זִי וֶועט וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט דִיר, זִי וֶועט מִיט דִי צַייט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, שְׁלֶעפּ נִישְׁט מִיט כֹּחַ אוּן שְׁטוּפּ נִישְׁט מִיט גֶעוַואלְד, וֶועסְטוּ זֶען וִוי מִיט דִי צַייט וֶועט זִי נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג נָאךְ שְׁטֶערְקֶער וִוי דוּ נֶעמְסְט עֶס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ וואוֹינֶען בַּיי מַיין מַאמֶע וָואס אִיז פְּרֵיי אוּן נִישְׁט נָארְמַאל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס נֶעמְט אַסַאךְ חִיזּוּק פוּן דִי דְרָשׁוֹת, אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, אוּן אַפָּאר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אוֹיךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

אִיךְ בִּין אַ יָתוֹם פוּן מַיין טַאטֶע, אוּן מַיין מַאמֶע אִיז גֶעבֶּעךְ פְּרֵיי אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן נָארְמַאל, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען אִיךְ נִישְׁט וואוֹינֶען בַּיי אִיר. מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער שְׁרֵייעֶן אָבֶּער אוֹיף מִיר אַז אִיךְ מוּז יָא וואוֹינֶען בַּיי אִיר צוּלִיב כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וָויל אִיךְ וִויסְן וָואס אִיךְ הָאב צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס; וִוי גוּט אִיז דַיין חֵלֶק אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ טוֹבָה דוּ טוּסְט פַאר דַיין טַאטְנְ'ס נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל; מִיט דַיין לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְּמָרָא טְרָאגְסְטוּ אִים אַרוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אַלֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען אִים מְקַנֵּא אַז עֶר הָאט אַ זוּן וָואס לֶערְנְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

בְּנוֹגֵעַ דַיין מַאמֶע תְּחְיֶ'; גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, זַיי

איר מְכַבֵּד אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער. אוֹיבּ אִיז מֶעגְלִיךְ דוּ זָאלְסְט וואוֹינֶען בַּיי אִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן וַוייטֶער גֵיין מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן בַּיי אִיר אִין שְׁטוּבּ, זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן אוּן אִיר מְחַזֵק זַיין. אוֹיבּ שְׁטֶערְט עֶס דִיר פוּן הִיטְן דִי תּוֹרָה, דֶעמָאלְט אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אָבֶּער ווִי לַאנְג זִי שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט פוּן הִיטְן דִי תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט דוּ קֶענְסְט עֶסְן כָּשֶׁר׳ס, הִיטְן שַׁבָּת אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין, וַוייל כִּיבּוּד אֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידּוּשִׁין לא:) אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַב יוֹסֵף: "כִּי הֲוָה שָׁמַע קָל כַּרְעָא דְאִימֵּיהּ", וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי קוֹל פוּן זַיין מַאמֶעס פִּיס טְרִיט, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "אֵיקוּם מִקַּמֵּי שְׁכִינָה דְאָתְיָא", אִיךְ גֵיי זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר דִי כָּבוֹד פוּן דִי שְׁכִינָה; רַב יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען בְּלִינְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען וֶוען זַיין מַאמֶע קוּמְט אַרַיין עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אִיר, נָאר וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי קוֹל פוּן אִירֶע פִּיס טְרִיט הָאט עֶר גֶעוואוּסְט זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען אִיז מְכַבֵּד אַ מַאמֶע אִיז מֶען מְכַבֵּד דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה; וָואס מֶען טוּט פַאר אַ מַאמֶע אִיז אַזוֹי וִוי מֶען טוּט דָאס פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם ל:): "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִלּוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", וֶוען מֶען אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מִיר מְכַבֵּד.

דָאס אַז זִי אִיז נִישְׁט נָארְמַאל הַשֵּׁם יְרַחֵם, וֶוענְדְט זִיךְ; אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין מִיט אִיר דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי אַסִּי הָאט גֶעטוּן (שָׁם, לא:), עֶר הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטֶע מַאמֶע, זִי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן זִי דַארְף צִירוּנְג הָאט עֶר אִיר גֶעמַאכְט שֵׁיינֶע צִירוּנְג, נָאכְדֶעם הָאט זִי גֶעבֶּעטְן אִיר זוּן רֶבִּי אַסִּי אַז זִי ווִיל אַ מַאן, הָאט רֶבִּי אַסִּי גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל דִיר זוּכְן אַ מַאן, הָאט זִי גֶעזָאגְט אִיךְ ווִיל אַ מַאן אַזוֹי שֵׁיין וִוי דִיר, בִּיז רֶבִּי אַסִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן נָארְמַאל אִיז עֶר אַרוֹיף פוּן בָּבֶל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אָבֶּער אַז עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ פַאר דִיר צוּ וואוֹינֶען מִיט אִיר זָאלְסְטוּ זִיכֶער בְּלַייבְּן מִיט אִיר אוּן אִיר הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן דִי זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

...

## ווי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר פוּן פְּחָדִים, נָאךְ דִי בִּלְבּוּלִים וָואס מֶען הָאט אוֹיף מִיר גֶעמַאכְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אַכְצֶן יָאר, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ לֵיין אַסַאךְ דִי בְּרִיוו אִין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' דֶערְמִיט.

אִיךְ הָאב זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ שְׁרַייבְּן דִי שְׁאֵלָה, וַוייל דֶער אֱמֶת וֵוייסְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאף אָבֶּער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גְלֵייבְּן אוּן מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק הָאט מֶען גֶעמַאכְט אוֹיף מִיר אַ פַאלְשֶׁער בִּלְבּוּל אַז אִיךְ הָאב גֶעטְשֶׁעפֶּעט קִינְדֶער אוּן מֶען הָאט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן קֶעגְן מִיר אַ קְלַאגֶע בַּיי דִי פָּאלִיצֵיי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז דִי גַאנְצֶע בִּלְבּוּל אִיז דוּרְכְאוֹיס פַאלְשׁ, אִיךְ הָאב אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל דוּרְכְגֵיין בְּשָׁלוֹם אוּן עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן שְׁלֶעכְטְס צוּ מִיר, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אַלֶעס הָאט זִיךְ טַאקֶע מְסַדֵּר גֶעוֶוען מִיט אַ גוּטֶע עֶנְדֶע אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ זִיךְ נָאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

אֵיין זַאךְ אִיז מִיר אָבֶּער גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע פְּחָדִים. זַייט דֶעמָאלְט צִיטֶער אִיךְ זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, וּבִפְרַט וואוּ עֶס אִיז דָא קִינְדֶער, וַוייל אִיךְ צִיטֶער אַז מֶען זָאל מִיר נִישְׁט ווִידֶער חוֹשֵׁד זַיין מִיט פַאלְשֶׁע בִּלְבּוּלִים. לְמָשָׁל וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים אוּן קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ אוֹיף דִי טְרֶעפּ, וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ בִּכְלַל נִישְׁט אַהֵיימְגֵיין נָאר וַוארְטְן בִּיז גָאר שְׁפֶּעט וֶוען עֶס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין דָארְט קֵיין קִינְדֶער, אוּן דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן דֶערְצוּ יֶעדְן טָאג בִּין אִיךְ אָבֶּער מַקְפִּיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג וֵוייניגְסְטְנְס דְרֵיי פְּרָקִים.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ אַז קִינְדֶער דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען דַארְף אָבֶּער אֶפְשַׁר אוֹיךְ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען בַּאשׁוּלְדִיגְן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן מִיט פַאלְשֶׁע בִּלְבּוּלִים.

אִיךְ הָאף אַז דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן פַאר מִיר חִיזוּק און הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען הָאט דִיר אוּמְזִיסְט חוֹשֵׁד גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִיר און עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת - בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי יוֹסֵי ווִיל זַיין מִיט דִיר און הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט דִיר. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) רֶבִּי יוֹסֵי זָאגְט: "יְהֵא חֶלְקִי מִמִּי שֶׁחוֹשְׁדִין אוֹתוֹ וְאֵין בּוֹ", אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט דִי וָואס מֶען אִיז זֵיי חוֹשֵׁד און עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; וַוייל וֶוען מֶען אִיז חוֹשֵׁד אֵיינֶעם אוּמְזִיסְט וֶוערְט יֶענֶער פַארְשֶׁעמְט און עֶר וֶוערְט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע זִינְד.

יֶעצְט דַארְפְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט פַאסְטְן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְרֶעכְטְן, דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעקוּמֶען מִיט דֶעם אַלֶע דַיינֶע זִינְד, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט און מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - דָאס אִיז רִיכְטִיג תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט ווִי מֶען פַארְשֶׁעמְט און מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר ווִי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען; שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף דִי פְּחָדִים, גֵיי יָא צְווִישְׁן קִינְדֶער און הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַז מֶען אִיז חוֹשֵׁד אוּמְזִיסְט און מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָּה י ע"ב; וְעַיֵּין בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֵאשִׁית טו, ו) אַז תָּמָר הָאט מֶען חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז זִי הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, דֶערִיבֶּער אִיז זִי גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִיר; אַזוֹי אוֹיךְ חַנָּה הָאט מֶען חוֹשֵׁד גֶעוֶוען (בְּרָכוֹת לא:), דֶערְפַאר הָאט זִי בַּאקוּמֶען אַ זוּן אַ

צַדִּיק, שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס וְוִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען בָּחוּרִים רֶעדְן צוּ מִיר נִיבּוּל פֶּה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן עֶס מַאכְט זִיךְ צוּמָאל אַז בָּחוּרִים רֶעדְן צוּ מִיר נִיבּוּל פֶּה, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי תַּמְ׳עֲוַואטֶע, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן?

וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען בָּחוּרִים ווילְן דִיר בְּרֶענֶען מִיט פֵייעֶר? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען מֶען וִויל דִיר שְׁטֶעכְן מִיט מֶעסֶערְס? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען מֶען קוּמְט צוּ דִיר אוּן מֶען וִויל דִיר פַארְסַמ׳עֶן? - וָואלְסְט דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן, אָדֶער וָואלְסְט אַלֵיינְס גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן?

רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אָדֶער הֶערְן נִיבּוּל פֶּה אִיז עֶרְגֶער וְוִי וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אוּן צֶעשְׁטָאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ג): "בַּעֲוֹן נִבּוּל פֶּה", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, "צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", קוּמֶען בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן נֵייעֶ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט; "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים חַס וְשָׁלוֹם", יוּנְגֶע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", אַלֶע שְׁרֵייעֶן אוּן קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט זֵייעֶר גֶעשְׁרֵיי.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַנְטְלוֹיף פוּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילּוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילּוּ מֶען הָאט אִים פַארְזִיגְלְט אַ גוּטֶע גְזֵירָה פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר, צֶערַייסְט מֶען דִי

גוּטֶע גְזֵירָה אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְטְס, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם", אוֹיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִיבוּל פֶּה מַאכְט מֶען זִיךְ טִיפֶער דֶעם גֵיהִנּוֹם.

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבוּל פֶּה אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט הֶערְן רֶעדְן נִיבוּל פֶּה זָאג אִיךְ דִיר צוּ דוּ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען דֶעם קֶערְפֶּער פַאר אַ וֶועגְוַוייזֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי, אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ נוּץ מַיין קֶערְפֶּער פַאר מַיין וֶועג וַוייזֶער, וֶוען אִיךְ לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין מַיין קֶערְפֶּער קֶען אִיךְ וִויסְן וואו אִיךְ הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן אִיךְ קֶען שְׁפִּירְן וֶוען עֶפֶּעס אִיז יָא גֶערֶעכְט אָדֶער נִישְׁט גֶערֶעכְט.

אַלְס מֵיידְל הָאב אִיךְ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן אַזוֹי גוּט, וַוייל וֶוען אִיךְ הָאב זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַיין קֶערְפֶּער הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט גֶעהֶערִיג ווִי אַזוֹי עֶס צוּ בַּאלַאנְצִירְן. יֶעצְט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ מַאמֶע פוּן טֶעכְטֶער, הָאב אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי מַתָּנָה פוּן זֵייעֶר קֶערְפֶּער, אָבֶער זֵיי זָאלְן יָא זַיין בַּאלַאנְצִירְט, זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁפִּירְן ווִי זֵיי זֶענֶען הַאלְבּ אוּן וֶוערְן קְלֶעבֶּעדִיג צוּ סַיי וָואס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר אַ מֵיידְל זִיךְ אוֹיךְ צוּ קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין אִיר קֶערְפֶּער, אָדֶער קֶען מֶען דָאס טוּן נָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיר פַארְשְׁטֵייט יָא וָואס אִיר שְׁרַייבְּט.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ וֶועג וַוייזֶער - דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים

זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, א) אוֹיפ׳ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ח, ל): "וָאֶהְיֶה אֶצְלוֹ אָמוֹן וָאֶהְיֶה שַׁעֲשֻׁעִים יוֹם יוֹם", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן גֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי אַן אַרְכִיטֶעקְט וָואס גֵייט בּוֹיעֶן אַ בִּנְיָן נֶעמְט עֶר אַפִּיר דֶעם בְּלוּ-פְּרִינְט אוּן קוּקְט דֶערִין וִוי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן, "כַּךְ הָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַבִּיט בַּתּוֹרָה וּבוֹרֵא אֶת הָעוֹלָם", אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה אוּן אַזוֹי בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

אַ אִיד פִירְט זִיךְ וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ פִירְן; דָאס אִיז אוּנְזֶער אוּרִים וְתוּמִים, דָאס אִיז אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיב הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא דִי אוּרִים וְתוּמִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מַיין אוּרִים וְתוּמִים אִיז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ; וֶוען אִיךְ דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן קוּק אִיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

וָואס הָאבְּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? וָואס הָאבְּן דִי צַדִּיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת', דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבְּסְט שֵׂכֶל פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן, 'וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה', דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, 'חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וְדַעַת', גֶעבּ מִיר שֵׂכֶל אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבָד", אִין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וֶוען מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת, אָן קַיין קֶענִיג, אָן קַיין נָבִיא, אָן קַיין כֹּהֵן גָּדוֹל אוּן אָן קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְז, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

אַז אִיר ווילְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע וֶועג פַאר אַייעֶרֶע טֶעכְטֶער וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן, לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז וֶוען זֵיי ווילְן וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן זָאלְן זֵיי דָאס אִיבֶּער רֶעדְן מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי זָאלְן זֵיי טוּן אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן, וֶוען מֶען ווייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אָדֶער מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה.

אַז אִיר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת.

...

## דַארְף מֶען מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי צוּ עֶנְטְפֶערְן דְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּמָאל אַז אִינְמִיטְן זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי הֶער אִיךְ קַדִּישׁ, קְדוּשָׁה, אָדֶער אַ בְּרָכָה אוּן דָאס גְלַייכְן. ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב מֶען דַארְף מַפְסִיק זַיין אוּן מִיטְ זָאגְן אָדֶער עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, אוּן אוֹיב יָא אוֹיב דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם פַאר'ן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי אִיז בֶּעסֶער וֶוען מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִין אֵיין צִי אָן קַיין הֶפְסֵק [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; דֶערִיבֶּער זָאגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אִינְאֵיינֶעם גְלַייךְ נָאךְ תְּפִילַּת שַׁחֲרִית, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן פוּן קַדִּישׁ, בָּרְכוּ אוּן קְדוּשָּׁה, אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט קַדִּישׁ, בָּרְכוּ אוּן קְדוּשָּׁה אִינְמִיטְן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ דַארְף מֶען עֶנְטְפֶערְן וְכוּ'.

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז מֶען זָאל זוּכְן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט, וואוּ מֶען וֶועט נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן בִּיז'ן עֶנְדִיגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אִיךְ זָאג נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ זָאג דִיר, אִיךְ זָאג נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן; אֲפִילוּ וֶוען מֶען פְרֶעגְט מִיר פְּרוּבִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ אַרוֹיס צוּ דְרֵייעֶן וְכוּ׳, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען פְרֶעגְט מִיר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וֶועל אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט זָאגְן. וֶוען אַ בָּחוּר זָאגְט מִיר ׳רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיךְ וֶוער אַ חָתָן וְכוּ׳ וְכוּ׳׳ - גֶעבּ אִיךְ אִים אַ בְּרָכָה, אִיךְ זָאג אִים נִישְׁט ׳יָא׳ אָדֶער ׳נֵיין׳. אוֹיבּ עֶר פְרֶעגְט מִיר אוֹיבּ דֶער שִׁידוּךְ אִיז גוּט פַאר אִים; אוֹיבּ וֵוייס אִיךְ אַז דִי מֵיידְל אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶועל אִיךְ אִים מְרַמֵז זַיין עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין צוּ שְׁטֵיין וַוייט פוּן דֶעם.

נָאךְ אַ זַאךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען, אִיךְ וֶועל זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דִיר, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְדַ״ל.

...

### נֶעמְט נִישְׁט קַיין דְרוּק אוֹיף שִׁידוּכִים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אַייעֶר מַאן זָאגְט מִיר אִיר הָאט מוֹרָא אַז אִיךְ גֵיי אַייךְ בַּאצְווָאוּנְגֶען צוּ מַאכְן דִי שִׁידוּךְ מִיט אַייעֶר טָאכְטֶער, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם גֵיין אוּנְטֶער אַייעֶר רוּקְן; וִויסְן

זָאלְט אִיר אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן מֶען בַּאצְווּאוּנְגְט נִישְׁט קֵיינֶעם, קוֹים קוֹים וָואס מֶען עֶנְטְפֶערְט וֶוען מֶען פְּרֶעגְט.

דָאס וָואס אִיךְ מַאךְ אַמָאל שִׁידוּכִים אָן עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז מִיט דַעַת תּוֹרָה; אֵיידֶער אִיךְ טוּ דָאס פְּרֶעג אִיךְ גְרוֹיסֶע רַבָּנִים אוּן מִיט זֵייעֶר הַסְכָּמָה מַאךְ אִיךְ דָאס, אוֹיךְ נָאר וֶוען דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט אֵייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין דְרוּק אַז אִיךְ וֶועל בַּאצְווּאוּנְגֶען אֵייעֶר מַאן אוּן חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן אַז אִיךְ וֶועל גֵיין אוּנְטֶער אֵייעֶר רוּקְן; אִיךְ הָאבּ נָאר אָנְגֶעטְרָאגְן דִי שִׁידוּךְ אוּן אוֹיבּ אִיר ווִילְט וַוארְטְן זָאלְט אִיר וַוארְטְן רוּאִיגֶערְהֵייט.

אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב, אַ רוּאִיגֶע יוֹם טוֹב, אַ יוֹם טוֹב אָן קֵיין דְרוּק.

...

## זֶעט פַארְוָואס דָאס קִינְד שְׁלָאפְט אִין קְלַאס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרִיס פוּן דַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן צוּ זֵייעֶר אַסַאךְ פַאר׳ן מוֹסָד.

דַיין טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳ אִיז זֵייעֶר אַ טֵייעֶר קִינְד, אָבֶּער זִי שְׁלָאפְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין קְלַאס; מַמָּשׁ יֶעדְן טָאג שְׁלָאפְט זִי אַיין בִּשְׁעַתְ׳ן לֶערְנֶען. אֶפְשָׁר שְׁלָאפְט זִי נִישְׁט גֶענוּג? אֶפְשָׁר דַארְף זִי מֶער שְׁלָאפְן, אָדֶער אֶפְשָׁר פֶעלְט אִיר מִינֶערַאלְן; עֶס אִיז ווִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט עֶס בּוֹדֵק זַיין וַוייל עֶס אִיז אַ שָׁאד זִי זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיסְגֶערוּט.

זִי וֶוערְט נִישְׁט וֵויי גֶעטוּן אִין כִּתָּה פוּן דֶעם; מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִיר נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן מִיט דֶעם. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן אִיר לָאזְן שְׁלָאפְן, וַוייל זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט, זִי אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד.

...

## אַ ווייבּ קֶען דָאס מֶערְסְטֶע מְחַזֵק זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

דַיין מַאן אִיז יֶעצְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט מִיט טְרֶערְן אַז עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן אַהֵיים צוּ קוּמֶען; עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן דִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. עֶר אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס וֶוערְט בַּיי אִים פֶּערְטִיג דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, דִי סוּכָּה הָאט עֶר נָאךְ נִישְׁט גֶעבּוֹיט אוּן עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן דִיר צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר יוֹם טוֹב.

אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִים גְרִינְגֶער וֶוערְן; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז דִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן. עֶר הָאט מִיר צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט אָנְהֵייבְּן אַהֵיים צוּ קוּמֶען צֵייטְלִיךְ דִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער.

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין דַיין מַאן; עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ. וֵויינִיג אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אַזוֹי טֵייעֶר בַּיי מִיר, עֶר אִיז מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְץ. עֶר אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין דִיר אוּן דִי קִינְדֶער; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי אִים מְחַזֵק, ווַייל אַ ווַייבּ קֶען דָאס מֶערְסְטֶע מְחַזֵק זַיין, וְוִיפִיל אִיךְ וֶועל אִים מְחַזֵק זַיין וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ מֶער מְחוּזָק פוּן דַיינֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק שְׁטֶענְדִיג.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז דָאס קִינְד אִיז גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט מִיר זַייעֶר דֶערפְרֵיידְט מִיט דִי בְּשׂוֹרָה וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט, אַז עֶר מֵיינְט עֶס אִיז אַ טָעוּת, עֶר זָאגְט אַז דָאס קִינְד אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין טָעוּת, עֶס אִיז אַ נֵס! אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן פַאר אַייעֶר קִינְד דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָא וֶועט זַיין גְרוֹיסֶע נִיסִים.

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַארְ'ן קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, בִּזְכוּת דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס דִי מַאמֶע פוּנֶעם קִינְד הָאט גֶעטוּן, זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִיר הָאר נָאר פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, פַאר דֶעם אַלֵיינְס זָאל זִי הָאבְּן אַ נֵס".

אִיךְ וֶועל נָאךְ דֶערְצֵיילְן בָּרַבִּים פַאר אַלֶע דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דָא וֶועט זַיין.

...

## מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', מָאנְטְרִיאַל.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ לֵיין אַלֶע אַייעֶרֶע לַאנְגֶע בְּרִיוְון; אִיךְ הָאבּ זַייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען וִוי אִיר אוּן אַייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. נִישְׁט סְתָּם מֶען וֵוייסְט פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, הַכֹּל בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל - טַאטֶע, מַאמֶע אוּן קִינְדֶער לֶעבְּן יֶעדֶע מִינוּט מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע; מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' זָאגְט מִיר שְׁטֶענְדִיג אַז מֶען קֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן פַאר יְשׁוּעוֹת, ווייל זֵיי זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין קֶען מֶען מַמָּשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פוּן וואו פְרוֹיעֶן הָאבְּן דִי כּוֹחוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע מַאמֶעס, זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן וַוייטֶער אַייעֶר שֵׁיינֶע גָארְטְן.

...

## ווי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ דוּרְכְאוֹיס דִי יָמִים טוֹבִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ו', עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶרֶב סוּכּוֹת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר אַרַיין גֵיין אִין דִי סוּכָּה, זִיצְן אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי סוּכָּה אוּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה; מוֹהֲרַאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעהָאלְפְן רֶבִּי נָתָן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אַז מֶען אַרְבֶּעט אַלֵיינְס אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה שְׁפִּירְט מֶען אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן עֶרֶב סוּכּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת'**, וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס וּקְפֵּידוֹת; גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן וֶוערְן בְּכַעַס, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי הֵיילִיגְקֵייטְן; וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז זֵייעֶר אַ פַּאסִיגֶע צַייט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן אוּן לִיכְטִיגְקֵייטְן - דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן נֶעמְט אַלֶעס אַוֶועק דוּרְךְ כַּעַס וּקְפֵּידוֹת.

נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, אִינְמִיטְן שִׁיעוּר הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אִין אַ קְלֵיינֶע סוּכָּה וֶוען עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף טִישְׁן אוּן אוֹיף בֶּענְק מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'; הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיא): "אִם הָיוּ מַנִּיחִין מֵת לָעוֹלָם הַזֶּה לְהִתְפַּלֵּל בְּוַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל יָפֶה יָפֶה בְּכָל כֹּחוֹ", וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעגֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט פַאר אַ נִפְטָר אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן קֶבֶר דַאוֶונֶען אֵיין תְּפִלָּה וָואלְט עֶר וֶוען גֶעדַאוֶוענְט זֵייעֶרֶע שֵׁיין, עֶר וָואלְט

וֶוען גֶעדַאוֶועט מִיט'ן גַאנְצְן כֹּחַ; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ נִפְטָר, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, מֶען הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אַהֵיים צוּ קוּמֶען פוּן בֵּית הַחַיִּים פַאר אֵיין סְעוּדָה' - וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן אוּן קָאמַאנְדֶעוֶועט, עֶר וָואלְט וֶוען שַׁיין גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זַיין וַוייבּ; אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת, אַז נִישְׁט וֶועלְן דִי קִינְדֶער זָאגְן: 'טַאטֶע, קֶענְסְט צוּרִיק גֵיין אִין קֶבֶר, מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין קוֹלוֹת אוּן קַיין פֶּעטְשׁ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן קְרִיגֶערֵייעֶן. דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶער פוּן יִשְׁמָעֵאל (בְּרֵאשִׁית כה, יד): "וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא", 'וּמִשְׁמָע' - מֶען דַארְף קֶענֶען הֶערְן, 'וְדוּמָה' - מֶען דַארְף קֶענֶען שְׁוַוייגְן, 'וּמַשָּׂא' - אוּן מֶען דַארְף קֶענֶען פַארְנֶעמֶען; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה אוּן לֶעבְּן. בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת אוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב, וָואס דֶעמָאלְט וֶוערְן דִי קְלִיפּוֹת זֵייעֶר ווִילְד, זֵיי ווִילְן קַאלְיֶע מַאכְן דָאס לִיבְשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, זֵיי ווִילְן מֶען זָאל נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען. שַׁבָּת אִיז דָאךְ אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זַיין צוּזַאמֶען, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן וְשָׁמְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת אִיז 'בִּיאָה'; אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען זֶען צוּ זַיין צוּזַאמֶען וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף לוֹיפְן קוֹיפְן ד' מִינִים פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן צוּגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב.

יֶעצְט שְׁרַייבְּנְדִיג דֶעם בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ גָאר גוּטֶע נֵייעֶס, אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה; אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, ... אִיז אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה. עֶר הָאט מִיר גֶערוּפְן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן תְּפִיסָה, עֶר זָאגְט אַז דָאס אִיז נָאר דִי תְּפִילוֹת וָואס דִי קִינְדֶער - אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פַאר אִים.

מָאנְטָאג נַאכְט וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה לְכָבוֹד דִי הִלּוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מִיר וֶועלְן נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, קוּם מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## צוּריק בְּרֶענְגֶען אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו', עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם.

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר אַרְבֶּעט מִיט אַייעֶר גַאנְצֶע כֹּחַ אִיבֶּערְצוּטַייטְשְׁן דֶעם גִלְיוֹן אוּן דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אַנְשְׁטָאט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִים אִינֶעם טָאג וָואס אִיר יֶערְט זִיךְ צוּ לַאנְגֶע יָארְן - הָאט אִיר אַרַיין גֶעלֵייגְט אַסַאךְ שָׁעוֹת צוּ אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז חָשׁוּבְ'עֶר פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט. מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוֶוען אִיז אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכְלֶע זְלָאטְשְׁוּבֶער, אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין כּוֹחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כּוֹחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאבִּיטְשׁ גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשְׁ'ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיב זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשַׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְאַהֲנִי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשְׁ'ט זִיךְ פוּן אִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

**נֶעם דִי זְכוּת פוּן הַאלְטְן רֵיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס שׁוּל פַאר דִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ לַאנְגֶע יָארְן אַלֵיינְס גֶערֵיינִיגְט דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג; שְׁפֶּעטֶער וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה אִיז מִיר אַבִּיסְל גְרִינְגֶער גֶעוָוארְן, ווַייל דִי תַּלְמִידִים דִי בָּחוּרִים הָאבְּן מִיר צוּגֶעהָאלְפְן אוּן עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר ווָאס דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוער עֶס רֵיינִיגְט, עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען בִּשְׁעַתְ׳ן רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען רֵיינִיגְן נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בִּזְכוּת ווָאס אִיךְ בִּין מְשַׁמֵשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, בִּזְכוּת ווָאס אִיךְ רֵיינִיג דֶעם שׁוּל״.**

טוּ דוּ אוֹיךְ אַזוֹי, נֶעם דִי זְכוּת פוּן הַאלְטְן רֵיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס שׁוּל פַאר דִיר, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אַלֵיין צוּ רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, נֶעם אַפָּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אוּן אִינְאֵיינֶעם זָאלְט אִיר רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים גֶערֵיינִיגְט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּמִיד ב, ב): ״מִיָמָיו לֹא נִתְעַצֵל הַכֹּהֵן מִלְהוֹצִיא אֶת הַדֶשֶׁן״, דִי כֹּהֲנִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן רֵיינִיגְן.

אִין דֶעם זְכוּת ווָאס דוּ רֵיינִיגְסְט דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, דוּ בִּיסְט מְשַׁמֵשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - וֶועסְטוּ רֵיין וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פוּן אַלֶעס ווָאס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן.

...

### אִיךְ הָאבּ אַ חָשׁוּבֿ׳עֶר בָּחוּר פַּאר דַיין טָאכְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בַּארוּאִיג דַיין טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳, זָאג אִיר אַז זִי וֶועט אָט אָט אַ כַּלָה; אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר פַּאר אִיר אַ מֻשְׁלָם אִין אַלֶע בְּחִינוֹת, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ לַמְדָן, אַ מַתְמִיד, אַ בַּעַל מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן וְעַל כּוּלָם אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ.

אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר בִּפְרָטִיּוּת; זָאג אִיר אַז דָאס אִיז אַסַאךְ חָשׁוּבֿ׳עֶר פוּן וָואס זִי הָאט גֶעטְרַאכְט.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

### תְּ׳הֵא שְׁ׳נַת פַּ׳ארְשְׁפְּרֵייטְן אֱ׳מוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אֶפְשָׁר קֶען מֶען אוֹיף עֶפֶּעס אַ וֶועג וַוייטֶער דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ? הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז ווִילִיג מֶען זָאל נוּצְן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק פוּן זַיין דִירָה אִין שְׁטֶעטְל פַאר הַדְפָּסָה.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵוי אַז דִי הַדְפָּסָה אִיז אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט; אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דָאס וֶועט גֶעשֶׁען, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזָאגְט פַאר ..., יֶעצְט שְׁרֵייעֶן דִי מֵפִיצִים אַז זֵיי דַארְפְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא.

טְרַאכְט וָואס מֶען קֶען טוּן וַוייטֶער צוּ דְרוּקְן וַוייל וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועט מֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צוּאַיילְן דֶעם פְּרָאגְרֶעמֶער פַארְ׳ן עֶפְּפּ; הַיינְט וֶוען אַלֶע לֶעבְּן מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאן דַארְף מֶען מַאכְן הֲפָצָה אוֹיף דֶעם אוֹפָן, וְדַ״ל.

דִי יָאר - תשפ״א אִיז אַ יָאר פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה; דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן תשפ״א אִיז תְּ׳הֵא שְׁ׳נַת פַּ׳ארְשְׁפְּרֵייטְן אֱ׳מוּנָה.

...

## מֶען דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיפְ'ן שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ הָאבּ זֵיי אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גוּטֶער בָּחוּר פַאר דִיר; זֵיי ווִילְן נָאךְ אַבִּיסְל וַוארְטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, הָאסְט אַזוֹיפִיל מַעֲלוֹת, הָאסְט וואוֹילֶע עֶלְטֶערְן אוּן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ אַ כַּלָּה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיסְוַוארְטְן, נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה", וֶוער עֶס דְרוּקְט דִי צַייט, "שָׁעָה דוֹחַקְתּוֹ", וֶוערְט צֶעדְרוּקְט פוּן דִי צַייט.

הֶעלְף דַיין מַאמֶע מִיט שִׂמְחָה.

...

## אִין בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מֶען וואוּ צוּ גֵיין וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט, וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט מִיט דַיין חַבְרְ'טֶע פוּן דִי סְקוּל וואוּ דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אֵיידֶער דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען לֶערְנֶען אִין "בֵּית פֵּיגָא".

זִי הָאט דִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט אִין בְּרֶסְלֶב אַז דוּ בִּיסְט אַרוֹיס פוּן יֶענֶע סְקוּל אִין גֶעגַאנְגֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, הָאסְטוּ אִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס זִי טוּט וֶוען זִי הָאט אַ צָרָה, זִי הָאט גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעטְרַאכְט בִּיז זִי הָאט דִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי אִין בֶּעט, אִיךְ דְרוּק צוּ דֶעם קִישְׁן צוּם פָּנִים אוּן אִיךְ וֵויין", הָאסְטוּ אִיר גֶעזָאגְט

וָואס מֶען לֶערְנְט אִין בֵּית פֵּיגָא, אַז וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה, וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל – זָאל מֶען גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ אִים וֵויינֶען, נִישְׁט וֵויינֶען צוּם קִישְׁן... הָאסְט אִיר גֶעזָאגְט מִיט שְׁטָאלְץ וָואס מֶען לֶערְנְט בַּיי אוּנְז, וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַלֵיינְס, 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר'.

שְׁטַארְק זִיךְ און שְׁטַארְק אַלֶע דַיינֶע חַבֶרְ'טֶעס פוּן דַיין אַלְטֶע סְקוּל, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ ווִיסְן אַז מֶען קֶען לֶעבְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְן פוּל מִיט פָאן און פַארְגֶענִיגְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...